**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/23/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט דאס איינשווערן אנטאניא דעלגאדא אלס ליוטענאנט גאווערנער אום מאי 25**

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז קאנגרעסמאן אנטאניא דעלגאדא וועט ארייגעשוואוירן ווערן אלס ליוטענאנט גאווערנער אום מיטוואך, מאי 25. נאך קאנגרעסמאן דעלגאדא׳ס רעזיגנאציע פון קאנגרעס, וועט גאווערנער האוקול נאכפאלגן דעם פראצעס אוועקגעשטעלט לויט׳ן געזעץ און ארויסגעבן א פראקלאמאציע צו דערקלערן ספעציעלע וואלן וועלכע וועלן זיך אויסגלייכן מיט די לעצטנס באשטימטע אוגוסט וואלן דאטום.

״אנטאניא דעלגאדא איז אן אויסגעצייכנטער פירער און פובליק באאמטער מיט א רעקארד פון אויפטון צו די זאך פאר ניו יארקער, און ער וועט דינען אלס א טרייער צוזאמארבעטער אלס ניו יארק׳ס ליוטענאנט גאווערנער,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״איך קוק ארויס צו ארבעטן אינאיינעם אויף קריטיש-וויכטיגע פראבלעמען ארייגערעכנט בילדונג, צוגענגליכע האָוזינג, עקאנאמישע אנטוויקלונג און אינפראסטרוקטור, און זיין ערפארונג אין וואשינגטאן וועט אים מאכן א הויפט פארמיטלער מיט אונזער קאנגרעסיאנעלע דעלעגאציע. איך בין דאנקבאר צום מאיאריטעט פירער אנדרעא סטוערט-קאזינס פאר איר דינסט דורכאויס דער טראנזיציע און פאר אונזער אנגייענדע צוזאמארבעט.״

״עס איז געווען א כבוד צו סערווירן אין קאנגרעס, ליפערן רעזולטאטן און קעמפן פאר די וויילער אין מיין 19׳טער דיסטריקט. איצט בין איך גרייט ארייגצולייגן מיינע יארן ערפארונג און פעאיגקייטן צו באהעפטן מענטשן מיט ארבעט פאר דעם גאנצן סטעיט ניו יארק,״ **האט געזאגט ליוטענאנט גאווערנער-באשטימט אנטאניא דעלגאדא.** ״ניו יארק דארף אן ערפארענע פירער מיט א היסטאריע פון ברענגען רעזולטאטן. איך בין מער ווי גרייט ארייגצוטרעטן אין דער ראלע אלס ליוטענאנט גאווערנער און ארבעטן אומערמידליך יעדן טאג צו פארבעסערן די לעבנס פון ניו יארקער.״

קאנגרעסמאן דעלגאדא, א געבוירענער פון אָפּסטעיט ניו יארק, איז אויפגעוואקסן אין סקענעקטעדי און וואוינט אין ריינבעק מיט זיין פרוי לעיסי, און זייערע צווילינג אכט-יעריגע יונגלער, מעקסוועל און קאלטרעין. ער האט שטודירט אין קאלגעיט אוניווערסיטעט און פארדינט א ראודס סקאָלערשיפ צו אקספארד. דערנאך האט ער באקומען א געזעץ דיפלאם פון הארווארד לאו סקול, וואו ער זיך געטראפן מיט לעיסין. ער האט געוואוינט אין ניו יארק סיטי עטליכע יארן אלס א יונגע לאויער.

אין קאנגרעס האט ער געליפערט רעזולטאטן פאר די איינוואוינער אין זיין דיסטריקט — צושטעלן פארלייכטערונג פאר פאמיליע פאַרמס, העלפן קלענערע ביזנעסער זיך צוריק אויפבויען און בליען, שאפן ריינע ענערגיע דזשאָבס, העכערן צוטריט צו בראָודבענד און שטיצן אונזערע וועטעראנען. ער איז ערשט ערוויילט געווארן צו קאנגרעס אין 2018. קאנגרעסמאן דעלגאדא איז דער פארזיצער פון דעם ׳האָוז אגריקולטור סובקאמיטע אויף קאמאדיטי בערזעס, ענערגיע, און קרעדיט׳, און ער האט געדינט אויף די

קלענערע ביזנעס און טראנספארטאציע און אינפראסטרוקטור קאמיטעען אין דעם האָוז פון רעפרעזענטעטיווס.

בויענדיג אויף זיין רעקארד אין קאנגרעס צו פארזיכערן היסטארישע פעדעראלע אינוועסטירונג אין אינפראסטרוקטור, ווי אויך איבער 10 ביליאן דאלער אין דירעקטע עקאנאמישע פארלייכטערונג, וועט ליוטענאנט גאווערנער אנטאניא דעלגאדא סערווירן אלס ליעיזאָן צווישן ארטיגע, סטעיט און פעדעראלע צוזאמארבעטער צו אדוואקירן פאר די גאווערנער׳ס הויפט צוועקן און אונטערנעמונגען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן